# לעבן מיינס

איך וועל דיך פירן דורך אַלע געפאַרן —
לעבן מיינס;

דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה,
דיך פירן און דורכפירן — לעבן מיינס.
ווייל איך האָב פאַרשניטן א בונד מיט דיר —
לעבן מיינס,
אַ בונד — אַזוי צו זאָגן:
ווען אַפילו כ׳זאָל דאַרפן דיר אָנטאָן אַ קייט אויפן האַלדז,
לעבן מיינס,
און אויף דער קייט, ווי עס פירט אַ ציגיינער זיין בער,
דיך טרייבן דורך גאַסן, דורך מערק,
און אויסשרייען:
טאַנץ דיין וועלט־טאַנץ, לעבן מיינס; — —
און דו וועסט טאַנצן, לעבן מיינס,
און צופייקלען און צוצימבלען,
און גרויס וועט זיין דער געזעמל אַרום דיר,
און רויט — דאָס לאַכן פון מיילער,
און נאָך רויטער די קייט אויף דיין האַלדז —
לעבן מיינס — —

וועל איך,
שטייפער פאַרציענדיק די רינגען אַרום דיר,
שטיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אויסרופן:
אָ ט  אַ ז ו י  ו ו ע ר ט  ג ע ט אָ ן,
אָ ט  אַ ז ו י  ז אָ ל  ג ע ט אָ ן  ו ו ע ר ן  צ ו  ד י ר,
ל ע ב ן  מ י י נ ס; —
אָ ט  אַ ז ו י  ז אָ ל  ג ע ז ו נ ג ע ן  ו ו ע ר ן  צ ו ם  ט אַ ק ט  ד י ר
ד אָ ס  ה י י ל י ק ע  ל י ד  מ י י נ ס  ו ו ע ג ן  ד י ר —
ב י ז  א י י ב י ק  א ו ן  א י י ב י ק —
ל ע ב ן  מ י י נ ס.